פון דעם מלאך, וועלכער שטייט אויפן ים און אויף
9 דער יבשה· און איך בין אַהינגעגאַנגען צום מלאך, און
האָב צו אים געזאָגט: גיב מיר דאָס ספרל· און ער
האָט צו מיר געזאָגט: נעם און עס עס אויף; און עס
וועט דיר ביטער מאַכן אין בויך, נאָר אין דיין מויל
10 וועט עס זיין זיס ווי האָניק· (יחזקאל ב׳, ט; ג׳, ג׳·) און איך
האָב גענומען דאָס ספרל אויס דער האַנט פון דעם
מלאך, און האָב עס אויפגעגעסן; און עס איז געווען
אין מיין מויל אַזוי זיס, ווי האָניק, און ווען איך האָב
עס אויפגעגעסן, איז מיר געוואָרן ביטער אין בויך·
11 און מען האָט מיר געזאָגט: דו מוזט ווידער נבואות
זאָגן איבער אַ סך פעלקער און אומות און לשונות
און מלכים·

## קאַפּיטל עלף

1 און מען האָט מיר געגעבן אַ טראָסטשינע,
גלייך צו אַ מאָסשטאָב; און מיר געזאָגט: שטיי
אויף, און מעסט דעם היכל פון ג־ט, און דעם
2 מזבח, און די, וועלכע בוקן זיך דרינען· און
דעם חצר אין דרויסן פונם היכל זאָלסטו אויס־
לאָזן, און אים נישט מעסטן, ווייל ער איז געגעבן
געוואָרן צו די גוים; און די הייליקע שטאָט וועלן
3 זיי צעטרעטן צוויי און פערציק חדשים לאַנג· און
איך וועל געבן מיינע צוויי עדות, און זיי וועלן
נבואות זאָגן טויזנט צוויי הונדערט און זעכציק
4 טעג לאַנג, אָנגעטאָן אין זעק· די דאָזיקע זענען די
צוויי איילבירטבוימער און די צוויי מנורות, וואָס
5 שטייען פאַר דעם רבונו של עולם· און אויב עמיצער
וויל זיי שאָדן טון, גייט אַרויס אַ פייער פון זייער
מויל און פאַרצערט זייערע שונאים; און אויב
עמיצער וועט זיי וועלן שאָדן טון, מוז ער אָט אַזוי